Wax (וועקס) וואַקס; זיגעל־לאַק, ברים־וואַקס; אויער־וואַקס; שוסטער־פעך; וועקסען, אַנוועקסען; פעכען; waxed end, אן אָנגעפּעכטער פאַדים, א שוסטער פאַדים, א דראַטווע.

Wax (וועקס) וואַקסען; ווערען.

Wax-candle (וועקס־קענדל) א וואַקס־לייכט.

Wax-chandler (וועקס־טשענדלער) א וואַקס־ציהער.

Waxen (וועקסן) א וועקסענער, פון וואַקס; פּצ. פון Wax: געוואַקסען; געוואָרען.

Wax-end (וועקס־ענד) א דראַטווע, א שוסטער־פאַדים.

Wax-light (וועקס־לאַיט) ז. Wax-candle.

Wax-maker (וועקס־מייקער) ז. Wax-chandler.

Wax-palm (וועקס־פּאַם) ז. Wax-tree.

Wax-taper (וועקס־טיי־פּער) א וואַקס־קערץ, א געפלאָכטענעס וועקסענעס ליכט, א הבדלה־ליכט.

Wax-tree (וועקס־טרי) דער וואַקס־בוים.

Wax-work (וועקס־וואירק) וואַקס־אַרבייט; וואַקס־פיגורען.

Waxy (וועקסי) וועקסיג, וויא וואַקס; וויך, קנעטיג.

Way (וויי) א וועג; א זייט; א מיטעל; אן אַרט, א שטייגער; in—the, דער הערייננגאַנג; out—the, דער הערויס־גאַנג; ways and means, מיטלען און וועגען; —to give, וויכען; נאָכגעבען; —to make, מאַכען פּלאַץ; —by the, פאַרבייגעהענדיג; אגב־אורחא; —no, אויף קיין אַרט; —this, אַהער; —that, אַהין, דאָרטען; —out of the, אויס'ן וועג; אונגעוועהנליך; פערבאָרגען.

Way-bill (וויי־ביל) א צעטעל פון פּאַסאַזשירען.

Wayfarer (וויי־פע־רער) א פאָהרער, א רייזענדער.

Wayfaring (וויי־פע־רינג) רייזט, וואָס געפינט זיך אויף א רייזע.

Wayfaring-tree (וויי־פע־רינג־טרי) דער וועג־בוים [א מין בוימעלע מיט פיעלע צווייגען וואָס געפינט זיך זעהר אָפט ביי דיא וועגען].

Waylaid (וויי־לייד) פ. צ. און פּצ. פון Waylay: אויפגעלויערט, געטשאַטעוועט.

Waylay (וויילֵיי) אויפלויערן, טשאַטעווען.

Waylayer (וויילֵייער) אן אויפלויערער.

Wayless (וויי׳לעס) אָהן א וועג, הערומוואנ־דערנד, וואָס בראָדזשעט, וואָס אירט.

Way-mark (וויי־מאַרק) א וועג־צייכען, א וועג־ווייזער.

Wayward (וויי׳וואָרד) בייז, בייזהאַפּס; אייגענ־זיניג, האַרטנעקיג.

Waywardness (וויי׳וואָרדנעס) די בייזקייט, דיא בייזהאַפּטיגקייט.

Way-wiser (וויי־וואַיזער) א וועג־מעכטער.

Waywode (וויי׳וואָיד) א שטאָט־האַלטער, א גובערנאַטאָר; אַן אָנפיהרער פון חיל [ר. וואָיעוואָדאַ].

Way-worn (וויי־וואָרן) ערמידעט פון רייזען.

We (ווי) מיר [ה. אנחנו].

Weak (ווי-ק),—ly שוואַך; קרענקליך.

Weaken (ווי-קן) שוועכען, שוואַך מאכען.

Weakener (ווי-ק׳נער) א שוואכ־מאכער; עפּעס וואָס מאכט שוואַך.

Weakling (ווי-ק׳לינג) א שוועכלינג, א שוואכע בעשעפּעניס.

Weakness (ווי-ק׳נעס) דיא שוואכקייט׳ דיא קרענקליכקייט.

Weal (ווי-ל) דאָס וואויל־זיין, דאָס גליק; א שטאַאט א פערוואַלטונג.

Wealsman (ווי-לדזמען) אַ שטאַאַטס מאַן, א פּאָליטיקער.

Wealth (וועלטה) דער וואויל־שטאַנד; רייכ־טהום, פערמעגען.

Wealthiness (וועל׳טהינעס) דיא רייכקייט, דיא פערמעגליכקייט.

Wealthy (וועל׳טהי) רייך, פערמעגענד, וואויל־האַבענד.

Wean (ווי-ן) ענטוואוינען, אַוועגנעהמען פון ברוסט; בעריבען; ערווייטערן, צונעהמען פון.

Weanel (ווי-׳נעל) ז. Weanling.

Weanling (ווי-נ׳לינג) אן ענטוואוינטעס קינד [פון מענשען אָדער טהיערע].

Weapon (וועפּאָן) אַ וואַפע, א געוועהר; כע־וואַפנען.

Weaponed (וועפּאָנד) בעוואַפענט

Weaponless (וועפּאָנלעס) אָהן געוועהר, ניט בעוואַפענט

Wear (ווע-ר) טראָגען; אָבטראָגען, אָבניצען; זיך טראָגען; זיך אָבניצען, זיך אויסרייבען; פערגעהן; to—away, אָבניצען, אָבטראָגען; פערגעהן; to—off, זיך אָבניצען, ווערען אויס־געריבען; to—out, אָבניצען; ערמידען, אויס־מאטערן; פערגעהן.

Wear (ווע-ר) דאָס טראָגען; דיא אָבטראָגונג, דיא אָבניצונג.

Wear (ווי-ר) היטען; פיהרען, א וואַסער־טויער אין א טייך; אַן אָבצאַמונג אין א טייך פיר פיש.

Wearable (ווע-׳רעבל) טראָגבאַר, וואָס קען געטראָגען ווערען [פון קליידער]; א בגד, א קלייד.

Wearer (ווע-׳רער) איינער וואָס טראָגט אויף זיך [קליידער].

Weariness (ווי-׳רינעס) דיא מידיגקייט; דיא לאַנגווייליע.

Wearing (ווע-׳רינג) צום טראָגען; —apparel, א קלייד, א בגד, קליידונג.

Wearisome (ווי-׳ריסאָם) ערמידענד, לעכטיג, בעלעכטיגענד, בעשווערליך, לאַנגווייליג.

Wearisomeness (ווי-׳ריסאָמנעס) דיא לעכטיג־קייט, דיא לאַנגווייליגקייט.

Weary (ווי-׳רי) מיד, ערמידעט; לעכטיג, אי־בערדריסיג, לאַנגווייליג; ערמידען, מאַט מאכען; לאַנגווייליגען.

Weasand (ווי-׳זענד) ז. Windpipe.

Weasel (ווי-׳זעל) א וויזעל [א מין קליינעס טהיער].

Weather (וועדהער) דאָס וועטער; דיא ווע־טערונג; אן אונגעוויטער, א שטורם־וועטער; דיא ווינד־זייט אויפ׳ן ים; וואָס ליגט צו דער ווינד־זייט.

Weather (וועדהער) דורכ־לופטערן; to—out, געהן אויפ׳ן ווינד [פון אַ שיף]; אויסהאַלטען דעם שטורם [פון אַ שיף].

Weather-beaten (וועדהער־בי-טן) געשלאָגען אָדער בעשעדיגט פון ווינד.

Weather-board (וועדהער־באָורד) דיא ווינד־זייט פון א שיף; אַ וועטער־ברעט, א דאַכ־ברעט, אַ שינדעל; א דובעלט־ברעט.

Weather-bound (וועדהער־באַונד) צוריקגע־האַלטען פון וועטער.

Weather-cock (וועדהער־קאָק) אַ וועטער־האָהן, אַ וועטער־ווייזער; א לייכטזיניגער מענש.

Weather-driven (וועדהער־דריוון) געטריבען פון וועטער.

Weather-fend (וועדהער־פענד) שיצען געגען וועטער.

Weather-gage (וועדהער־גיידזש) אַ וועטער־מעסטער, א וועטער־צייגער; דיא לאַגע פון א שיף צו דער ווינד־זייט פון אַן אנדער שיף; דער פאָר־צוג, דיא אויבערהאַנד, דיא בעסערע לאַגע [פון אַ שיף].

Weather-glass (וועדהער־גלעס) אַ וועטער־גלאָז, א וועטער־מעסטער; אַ טהערמאָמעטער, אַ וועטער־אָנצייגער

Weatherly (ווע'דהערלי) וואָס ליעגט אויף דער ווינד=זייט.

Weathermost (ווע'דהערמאָוסט) צום סאַמע ווינד; וואָס ליעגט צום סאַמע ווינד.

Weather-proof (ווע'דהער=פּרו-ף) וועטער=שטאַרק, וועטער=פעסט [וואָס האלט אויס דאָס וועטער].

Weather-side (ווע'דהער=סאַייד) דיא ווינד=זייט.

Weather-wise (ווע'דהער=וואַייז) וואָס טרעפט דיא פּאָגאָדע, וואָס זאָגט פאָרויס דאָס וועטער, וועטער=קונדיג.

Weave (ווי-וו) וועבען; פלעכטען; פעראייניגען; —with, הערייננמישען.

Weaver (ווי'-ווער) אַ וועבער.

Weaver-fish (ווי'-ווער=פיש) א מין פיש [ד. זעעדראַכע, ר. פּעטראָווא ריבאַ].

Weazen (ווי-זן) דין; שאַרף.

Web (וועב) אַ געוועב; א פערבינדונג; אַ שפּינ=געוועב; דיא לענג=פעדים פון א געוועב; דאָס שווימ=הייטעל פון א פויגעל אָדער פון א וואַסער=טהיער; א קלינג.

Webbed (וועבד) מיט אַ שווימ=הויט [פון פויגלאַך].

Webbing (וועב'בינג) שטאַרקע וועבע, א גראָב=בעס געוועב; דיא שווימ=הייטלאַך פון פויגלאַך.

Web-footed (וועב'=פו-'טעד) מיט שווימ=פיס [פון פויגלאַך וואָס שווימען אָדער פון וואַסער=טהיערע].

Webster (וועב'סטער) א וועבער.

Wed (וועד) הייראַטהען; פערהייראַטהען; פער=אייניגען, פערבינדען.

Wedded (וועד'דעד) פערהייראַטהעט; פערבונ=דען מיט; —to, איבערגעבען צו.

Wedding (וועד'דינג) אַ האָכצייט, א חתונה.

Wedding-gown (וועד'דינג=גאַון) א האָכצייטס קלייד, אַ חתונה=קלייד, א כלה=קלייד.

Wedding-ring (וועד'דינג=רינג) א חתונה=פינגערל, א טרוי=רינג [ה. טבעת קדושין].

Wedge (וועדזש) א קלין; צושפּאַלטען מיט אַ קלין; פערקלינעווען, הערייננשלאָגען א קלין, פערפעסטיגען מיט א קלין; צורייסען [דאָס הערץ].

Wedge-shaped (וועדזש'=שייפּט) קלינ=אַרטיג, וויא אַ קלין.

Wedlock (וועד'לאָק) הייראַטה, הייראַטה=שטאַנד, עהע=שטאַנד.

Wednesday (ווענז'דיי) מיטוואָך.

Wee (ווי-) קליין, זעהר קליין.

Weed (ווי-ד) אונקרויט, אן אונגוציגע פלאַנצע, אונגוציגעס גראָז; א קלייד; יעטען; to—out, בעפרייען.

Weed-hook (ווי-ד=הו-ק) א יעט=העקעל.

Weeder (ווי-'דער) א יעטער; א פערטיליגער, א פערניכטער.

Weeding-hook (ווי-'דינג=הו-ק) ז. Weed-hook.

Weeding-tool (ווי-'דינג=טו-ל) א יעט=געצייג [א געצייג אויסצו=וואָרצלען אונגוציגע אָדער שעדליכען גראָזען].

Weedless (ווי-ד'לעס) פריי פון אונגוציגען אָד. שעדליכען גראָז.

Weedy (ווי-'די) פול מיט אונגוציגען אָד. שעד=ליכען גראָז.

Week (ווי-ק) אַ וואָך.

Weekly (ווי=ק'לי) וועכענטליך; אלע וואָך, יעדע וואָך.

Ween (ווי-ן). מיינען, זיך איינרעדען, זיך איינ=בילדען.

Weep (ווי-פּ) וויינען, קלאָגען, פערגיסען טרע=רען; בעוויינען, בעקלאָגען.

Weeper (ווי-'פּער) א וויינער, א קלאָגער, אַ וויינערין, א קלעגערין; א טרויער=באַנד, אַ טרויער=צייכען.

Weeping (ווי-'פּינג) וויינענד; —ly, וויינענדיג, מיט טהרערען.

Weeping-willow (ווי-'פּינג=וויל'לאָו) די טרויער=ווייערבע [אַ מין בוים].

Weet (ווי-ט) וויסען.

Weever (ווי-'ווער) א מין פיש [ד. זעעדראַכע, ר. פּעטראָווא ריבאַ].

Weevil (ווי-'וויל) א קאָרנ=וואָרים.

Weezel (ווי-'זיזל) ז. Weasel.

Weft (וועפט) א געוועב; א געפונענע זאַך אָהן אן אייגענטהימער; א פערזאָן אָהן א היים, א פערלאָרענע פערזאָן.

Weft (וועפט) פּ. צ. און פּצ. פון Wave: גע=שאָקעלט, געוויגט.

Weigh (וויי) וועגען, אָפּוועגען; נאָכדענקען; אויפהויבען; וועגען, האָבען געוויכט; זיין וויכטיג; ליעגען אויף; אויפהויבען דעם אַנקער פון אַ שיף; to—down, איבערוועגען; איבער=טרעפען; הערונטערבויגען, הערונטערדריקען.

Weigh (וויי) דיא וואָג, אַ געוויכט, א מאָס.

Weigh-bridge (וויי=ברידזש) ז. Weighing-machine.

Weighable (וויי'עבל) וועגבאַר, וואָס קען גע=וואויגען ווערען.

Weigher (ווי'יער) אַ וועגער, א וואָג=מייסטער.

Weighing-machine (וויי'אינג=מעשין) א וויעג=מאַשין [אַ מאַשין צו וועגען וואָגענס מיט משא].

Weight (וויט) דאָס געוויכט, דיא שווערקייט; געוויכט, וויכטיגקייט.

Weightiness (ווייט׳יניעס) דיא געוויכטיגקייט, דיא שווערקייט; דיא וויכטיגקייט.

Weightless (ווייט׳לעס) אָהן געוויכט, ניט שווער, לייכט.

Weighty (ווייטי) געוויכטיג, שווער; וויכטיג; —ily, מיט וויכטיגקייט.

Weir (ווי-ר) אַ וואַסער=טהויער, אַ וואַסער=וואַנד; אַן אָבצאַמונג אין אַ טייך פיר פיש.

Weird (ווי-רד) דער מזל, דאָס גליק; א נביאות; א כשוף, א צויבער; וואָס פערהענגט פון מזל; וואָס געהערט צו כשוף; איבערנאַטירליך.

Welcome (וועל׳קאָם) ווילקאָמען, פריינדליך אויפגענומען; אַנגענעהם, ליעב; דיא פריינדליכע אויפנאַהמע, דער ברוך=הבא; אויפנעהמען פריינדליך; זייט מיר ווילקאָמען! ברוך הבא!

Welcomeness (וועל׳קאָמנעס) דיא ווילקאָמענ=הייט, דיא פריינדליכע אויפנאַהמע.

Welcomer (וועל׳קאָמער) איינער וואָס נעהמט פריינדליך אויף.

Weld (וועלד) א מין פלאַנצע [ד. פערבערקרויט]; צוזאַמענשמיעדען, פעראייניגען דורך היץ; פעראייניגען; אַ פעסטע פעראייניגונג דורך צוזאַמענשמיעדען.

Welfare (וועל׳פע-ר) וואויל=שטאַנד, גליק.

Welkin (וועל׳קין) דער הימעל, דער הימעלס געוועלב.

Well (וועל) אַ ברונען; א קוואַל; א פיש=בע=האַלטער [אַן אָרט צו האַלטען פיש אויף אַ פיש=שיף]; א טרעפ=רוים [אַן עפנונג אַד. לאָך דורך וועלכע עס לויפען דורך טרעפ].

Well (וועל) געזונד; גליקליך; גוט, וואויל; גינסטיג, ניצליך; off—, אין גוטע אומשטענדע, אין גוטען מעמד; to do—, רייך, פערמעגענד, אין גוטען מעמד, אין גוטע אומשטענדע.

Well-anear (וועל׳=עני-ר) זעהר באַלד; אַך! אָ! וועה!

Welladay (וועל׳עדיי) ז. Wellaway.

Wellaway (וועל׳עוויי) אַך! אָ! וועה!

Well-being (וועל׳=בי׳אינג) דאָס וואויל=זיין, גליק.

Well-bred (וועל׳=ברעד) גוט ערצויגען, אַרטיג, עדעל.

Well-disposed (וועל׳=דיספאָוזד) גוט געזינט, מיט גוטע מחשבות.

Well-drain (וועל׳=דריין) אַן אָבלייטונגס גרוב [א גרוב אָבצוציהען וואַסער פון נאַסען לאַנד]; מאכען טרוקען דורך אַן אָבלייטונגס גרוב.

Well-favored (וועל׳=פיי׳וואָרד) שעהן, אַנגע=נעהם.

Well-hole (וועל׳=האָול) אַ טרעפ=רוים [דיא עפנונג אָד. לאָך דורך וועלכע עס לויפען דורך טרעפ].

Well-meaning (וועל׳=מי׳נינג) גוט געזינט, וואָס מיינט גוט.

Well-nigh (וועל׳=נאַיי) בייניאַהע, פאַסט, כמעט.

Well-pump (וועל׳=פאָמפ) אַ ברונענ=פומפ.

Well-room (וועל׳=רו-ם) אַ ברונענ=צימער, אַ קוואַל=שטיבעל; אַן אָרט אונטען אין א שיף וואו עס קלייבט זיך אָן וואַסער.

Well-sinker (וועל׳=סינ׳קער) אַ ברונענ=גרעבער.

Well-spring (וועל׳=ספרינג) א קוואַל, א וואַסער=קוואַל.

Welsh (וועלש) וועליש [וואָס געהערט צו דער ענגלישער געגענד וועלז]; דיא וועלישע שפּראַך.

Welt (וועלט) אַ ברעג, א זוים; זוימען, איינ=פאַסען, הערומנעהען.

Welter (וועל׳טער) זיך קייקלען; זיך באָדען אין.

Wen (ווען) אַ פלייש=געשוואולסט, א געשוויר.

Wench (וועניטש) א מיידעל; א פּראָסטע מיידעל; אַ הור; א נעגערקע.

Wend (וועגד) געהן, זיך ווענדען.

Wenny (וועג׳ני) א מין געשוויר אָדער פלייש=געשוואולסט.

Went (וועגט) פ. צ. און פצ. פון Go אָדער Wend: געגאַנגען.

Wept (וועפט) פ. צ. און פצ. פון Weep: געוויינט.

Were (וואָיר) פ. צ. מ. פון Be: געוועזן.

Werewolf (ווי-ר׳וואולף) אַ מענש אין דעם געשטאַלט פון א וואָלף.

Wert (וואָירט) דוא ביסט געוועזן.

Werwolf (וואָיר׳וואולף) ז. Werewolf.

West (וועסט) וועסט, מערב=זייט; וועסטליך, פון מערב=זייט; צו דער וועסט=זייט, צו מערב=זייט.

Wester (וועס׳טער) געהן צו וועסט=זייט.

Westerly (וועס׳טערלי) וועסטליך; צו דער וועסט=זייט.

Western (וועס׳טערן) וועסטליך, וואָס ליעגט אין וועסט=זייט אָדער מערב זייט.

Westward (וועסט׳וואָרד) צו וועסט=זייט, צו מערב=זייט.

Westwardly (וועסט׳וואָרדלי) ז. Westward.

Westwards (וועסט׳וואָרדז) ז. Westward.

Wet (וועט) נאַס, פייכט; רעגענדיג; דיא נאַס=קייט, דיא פייכטקייט; דאָס רעגענ=וועטער; נעצען, דורכנעצען; בענעצען, פייכט מאַכען.

Wet-dock (וועט׳=דאָק) א קינסטליכער טייך אין דעם ברעג פון אַ גרויסען וואַסער וואו שיפען געהען.

Wether (וועדהער) א באַראַן, אַ קעפּעל, א ווידער.

Wetness (וויעט׳ניעס) די נאַסקייט, די פייכט־קייט.

Wet-nurse (וועט׳־נאָירס) אַ זויגאַם.

Wetting-room (וועט׳טינג־רום) אַ נעצ־צימער [אַ צימער צו נעצען פּאַפּיער אין אַ דרוקעריי].

Wettish (וועט׳טיש) נאַסליך, פייכטליך.

Wey (וויי) אַ געוויכט; אַ מאָס.

Whack (הוועק) ז. Thwack.

Whale (הוויל) אַ וואַלפיש.

Whale-bone (הוויל־באָון) דאָס ביין פון אַ וואַלפיש, פיש־ביין

Whale-fin (הוויל־פין) ז. Whale-bone.

Whale-fishery (הוויל־פישערי) דער פאַנג פון וואַלפיש

Whale-oil (הוויל־אָיל) פיש־טראַן, טראַן, וואַרוואַן.

Whaler (הווייל׳ער) אַ פאַנגער פון וואַלפיש; אַ שיף צו כאַפּען וואַלפיש.

Whaling (הווייל׳ינג) דאָס כאַפּען וואַלפיש, דער פאַנג פון וואַלפיש.

Whap (הוואָפּ) אַ שלאַג, אַ קלאַפּ.

Whapper (הוואָפּ׳פּער) זעהר אַ גרויסעס שטיק, זעהר אַ גרויסע מאַסע; אַ ליגען.

Wharf (הוואָ־רף) אַ האַפען, אַ לאַנדונגס אָרט פון אַ שיף; אויסלאַדען וואַארע אויף דעם לאַנדונגס אָרט פון אַ שיף

Wharfage (הוואָ־רפיידזש) לאַנדונגס צאָל, אָפּ־צאָהל פיר דיא לאַנדונג פון אַ שיף.

Wharfinger (הוואָ־רפינדזשער) דער אויפזעהער פון דעם לאַנדונגס אָרט פון אַ שיף, אַ האַפען־מייסטער.

What (הוואָט) וואָס? וואָס פיר אַ? וועלכער, וועלכע, וועלכעס? —of that? וואָס מאַכט עס אויס?

Whatever (הוואָטעווער) אַלעס וואָס, וואָס־נאָר; וועלכער עס איז, יעדער וועלכער.

Whatsoever (הוואָטסאָועווער) ז. Whatever.

Wheal (הוויל) אַ בלאַטער, אַ פּרישטש, אַ קרעץ.

Wheat (הוויט) ווייץ

Wheat-bird (הוויט־באָירד) דער ווייץ־פויגעל [ר. ווייססשוואַנק, ר. פּאָפּוטטשיק].

Wheat-ear (הוויט־איר) ז. Wheat-bird.

Wheaten (הוויטן) פון ווייץ, אַ ווייצענער.

Wheat-grass (הוויט־גראַס) ווייצען־גראַז [אַ מין פלאַנצען].

Wheedle (הווידל) שמייכלען, חנפענען, לאַש־טשען.

Wheedler (הווידלער) אַ שמייכלער, אַ חונף.

Wheel (הוויל) אַ ראָד; אַ שפּין־ראָד; אַ טעפּער־ראָד; קייקלען; דרעהען; זיך דרעהען; ‎[illegible] אומדרעהען; אַבווייכען, זיך פערענדערן.

Wheel-animal (הוויל־עניםעל) דאָס רעדעל־טהיער, דאָס רעדעל־חיה׳לע [אַ מין פליג].

Wheelbarrow (הוויל־בעראָו) אַ שיב־וועגעלע, אַ טאַטשקע.

Wheel-bird (הוויל־באָירד) ז. Goat-sucker.

Wheel-drag (הוויל־דרעג) אַ ראָד־פערהאַלטער, אַ פערהאַלט־קלעצעל [אַ קלין אָדער אַ קייט צו פערהאַלטען אַ ראָד ביים געהן באַרג הערונטער].

Wheeler (הוויל׳ער) איינער וואָס קייקעלט; אַ רעדער־מאַכער; אַ פערד וואָס ווערט געשפּאַנט צו ערשט ביי די רעדער אונטער אַנדערע פערד.

Wheeling (הוויל׳ינג) דאָס קייקלען.

Wheel-insect (הוויל־אינסעקט) ז. Wheel-animal.

Wheel-race (הוויל־רייס) די שפּור אָד. דער סליאַד פון אַ ראָד

Wheel-shaped (הוויל־שייפּט) ראָד־פערמיג, וויא אַ ראָד.

Wheel-work (הוויל־וואָירק) רעדער־ווערק, רעדער.

Wheel-wright (הוויל־ראַיט) אַ ראָד־מאַכער.

Wheely (הווי׳לי) ראָד־פערמיג, קרייז־פערמיג, רונד.

Wheeze (הוויז) אָטהעמען שווער, דישען, סאַפּען.

Whelk (הוועלק) אַ בלאַטער, אַ פּרישטש, אַ קרעצעל; אַ מין שליאַמאַק [ר. טראָמפּעטען־שנעקקע, טרובאַראַג].

Whelm (הוועלם) איבערדעקען; בעגראָבען.

Whelp (הוועלפּ) אַ יונגעס טהיער [אַ הינטעלע, אַ וועלפעלע, אַ בערעלע או. אַז. וו.]; אַ קינד, אַ יונגעל; האָבען, געווינען [פון חיות].

When (הוועןֹ) ווען; אַלס; אַזוי־וויא; —since, ווייט ווען; זייט דאַן.

Whence (הווענס) פון וואַנען? פון וואָס? פון וואָס? דערפון, דעריבער

Whenceever (הווענסעווער) פון וואַנען עס איז.

Whencesoever (הווענססאָועווער) ז. Whence-ever.

Whenever (הוועןעווער) ווען, ווען־נאָר, יעדעס מאָל ווען.

Whensoever (הווענסאָועווער) ז. Whenever.

Where (הווער) וואו; —every, אומעטום, איבעראַל.

Whereabout (הווערעבאַוט) וואו, הערום דעם אָרט וואו

Whereabouts (הווערעבאַוטס) וואו, הערום דעם אָרט וואו; דער אָרט, דאָס בעפינדען.

Whereas (הווערעז) אַזוי וויא, ווייל; אַנשטאָט דעם וואָס

Whereat (הווע-רעט) אויף וואָס, וועגען וואָס, אויף וועלכעס.

Whereby (הווע-רבאַיי) דורך וואָס, מיט וואָס.

Wherefore (הווע-ר׳פאָור) צוליב וואָס, ווע־ס־וועגען, וואָרום.

Wherein (הווע-ראיך) אין וואָס; וואו.

Whereinto (הווע-ראינ׳טאָו) אין וואָס; וואוהין.

Whereof (הווע-ראָוו) פון וואָס, פון וואַנען.

Whereon (הווע-ראָן) אויף וואָס, אויף וועלכעס.

Wheresoever (הווע-רסאָוע׳ווער) ז. Wherever.

Wherethrough (הווע-רטהרו-׳) דורך וואָס.

Whereto (הווע-רטו׳) צו וואָס; אויף וועלכעס.

Whereunto (הווע-ראַנטו׳) ז. Whereto.

Whereupon (הווע-ראַפּאָן) ז. Whereon.

Wherever (הווע-רע׳ווער) וואו נאָר, איבעראַל וואו.

Wherewith (הווע-רווידה׳) מיט וואָס.

Wherewithal (הווע-רווידהאָ-ל) ז. Wherewith.

Wherret (הווער׳רעט) יעקען, ערגערן.

Wherry (הווער׳רי) אַ פּראָם, אַן איבערפיהר־שיף; אַ שיפעל.

Whet (הוועט) שאַרפען; שלייפען; רייצען, אויפ־רעגען; דיא שאַרפונג, דיא שלייפונג; דיא רייצונג.

Whether (הווע׳דהער) אויב, צו; וועלכער, ווער [פוןביידען]; or—, אויב—אָדער, ענט־ווערער—אָדער; or no—, יעדענפאַלס, גערן אָדער אונגערן.

Whetslate (הוועט׳סלייט) שאַרפ־שטיין [אַ מין שטיין פון וועלכען מען מאכט שאַרפ־שטיינער].

Whetstone (הוועט׳סטאָון) אַ שאַרפ־שטיין, אַ שלייפ־שטיין.

Whetter (הוועט׳טער) אַ שאַרפער, אַ שלייפער; אַן אָנרייצונג.

Whey (הוויי) קעז־מילך, סיראָוואָטקע.

Wheyey (הוויי׳אי) וויא קעז־מילך, וויא סיראָ־וואָטקע.

Wheyish (הוויי׳איש) ז. Wheyey.

Which (הוויטש) וועלכער, וועלכע, וועלכעס; וואָס.

Whichever (הוויטשע׳ווער) וועלכער עס איז, וועלכער נאָר.

Whichsoever (הוויטשסאָוע׳ווער) ז. Which-ever.

Whiff (הוויף) אַ הויך, אַ בלאָז; אַ פייף; הויכען, אויסבלאָזען.

Whiffle (הוויפל) פלאַמערן, זיין אונבעשטענדיג, זיך וואַרפען; אַ פלייטעל, אַ פייפעלע.

Whiffler (הוויפ׳לער) אַ פלאַטערער, אַ לייכט־זיניגער אָדער אונבעשטענדיגער מענש.

Whiffle-tree (הוויפל׳־טרי-) דיא שטאַנג פון אַ וואַגען אַן וועלכער דיא שלעפ־קייטען אָד. אָלאָבליעס זיינען אנגעטשעפעט.

Whig (הוויג) אַ מיטגליעד פון דער פרייער אָד. ליבעראלער פּאַרטיי אין ענגלאַנד.

Whiggarchy (הוויג׳גאַרקי) דיא הערשאַפט פון דער פרייער אָדער ליבעראַלער פּאַרטיי אין ענגלאַנד.

Whiggery (הוויג׳גערי) דיא פרינציפּען פון דער ליבעראַלער אָד. פרייער פּאַרטיי אין ענגלאַנד.

Whiggism (הוויג׳גיזם) ז. Whiggery.

While (הוואַייל) צייט; אַ ווײַלע, אַן אויגענבליק; a good—, אַ גוטע ווײַלע, ציעמליך לאַנג; a long—ago, אַ לאַנגע צייט צוריק; it is not worth—, עס איז ניט כדאַי דיא צייט אָדער דיא מיהע.

While (הוואַייל) ווײַלען; פערגעהן לאַנגזאַם; to—away, פערטרייבען דיא צייט.

While (הוואַייל) וועהרענד, אין דער צייט וואָס.

Whiles (הוואַיילז) ז. Whilst.

Whilom (הוואַיי׳לאָם) פריהער; צייטענווייז.

Whilst (הוואַיילסט) וועהרענד, אין דער צייט וואָס.

Whim (הווים) אַ קאַפּריז, אַ משוגעת; אַ מאַ־שין הערויסצוציהען מעטאַל פון אַ מינע; אַ מינע, אַ מעטאַל־גרוב.

Whimbrel (היווימ׳ברעל) אַ מין פויגעל [ד. וועטטערפאָגעל, ר. קאַראַוואַיקאַ].

Whim-gin (הווים׳־רזשין) אַ מאַשין הערויסצו־נעהמען מעטאַל פון אַ מעטאַל־גרוב.

Whimper (הווימ׳פער) וויינען, קלאָגען, יאמערן.

Whimsey (הווימ׳סי-) אַ קאַפּריז, אַ משוגעת.

Whimsical (הווימ׳סיקעל), —ly קאַפּריזנע, משוגע, זאָנדערבאַר, פרעמד.

Whimsicalness (הווימ׳סיקעלנעס) דיא קאַפּ־ריזנעקייט, דיא משוגע׳קייט, דיא זאָנדער־באַרקייט.

Whin (הווין) ז. Furse אָדער Gorse.

Whin-chat (הווין׳־טשעט) אַ מין פויגעל מיט אַ ווייסען ברוסטעלע [ד. ווייסקעהלכען, ר. קאַמענקאַ].

Whine (הוואַיין) וויינען, קלאָגען; אַ געוויין, אַ קלאָג.

Whiner (הוואַיי׳נער) אַ וויינער, אַ קלאָגער.

Whinny (הוויג׳ני) הירזען [וויא אַ פערד].

Whinyard (הוויג׳יארד) אַ דעגען, אַ שפּאַגע, אַ שווערד.

Whip (הוויפּ) בייטשען, שמייסען מיט אַ בייטש, שמייסען; העראָבנעהמען; לייכט נעהען; זיך ציהען, זיך וואַרפען, געהן שנעל; to—about,

הערומוויקלען; to—away, שנעל אַוועגלויפען; to—out, שנעל אַוועגציהען, to—up, שנעל אַוועגנעהמען; שנעל הערויפגעהן; אויפהעפען.

Whip (הוויפ) אַ בייטש; אַ שמיץ; —and spur, מיט דער גאַנצער שנעלקייט, זעהר שנעל [פון דעם לויפען פון פערד].

Whip-cord (הוויפ׳=קאָרד) אַ בייטש=שנור.

Whip-graft (הוויפ׳=גרעפט) הערייגזעצען אַ צווייגעל אין אַ בוים אין דער קרים הערויף צופעסטיגענדיג עס מיט אַ שטיקעל האָלץ וויא אַ ציגגעלע.

Whip-hand (הוויפ׳=הענד) דיא אויבערהאַנד, דיא תקיפות, דיא מעלה.

Whip-handle (הוויפ׳=הענדל) ז. Whip-stock.

Whip-lash (הוויפ׳=לעפ) דער שפיץ פון אַ בייטש.

Whipper (הוויפ׳פער) א שמייסער מיט אַ בייטש; אַ רעדעל=פיהרער.

Whipper-in (הוויפ׳פער=אין) איינער וואָס היט יאַגד=הינד זיי זאָלען ניט פערלויפען און פער=בלאָנדזשען פון דעם יאַגד=אָרט.

Whipping (הוויפ׳פינג) דאָס שמייסען.

Whipping-post (הוויפ׳פינג=פאָוסט) א שאַנד=סלופ [אַ סלופ ביי וועלכען מען שמייסט פער=ברעכער].

Whipple-tree (הוויפל=טרי-) ז. Whiffle-tree.

Whip-staff (הוויפ׳=סטעף) דיא רודער=שטאנג [דיא שטאַנג דורך וועלכע דער רודער פון אַ שיף דרעהט זיך].

Whip-stalk (הוויפ׳=סטאָ-ק) ז. Whip-stock.

Whip-stock (הוויפ׳=סטאָק) אַ בייטש=שטעקעל.

Whipster (הוויפ׳סטער) א פלינקער יונג, אַ געוואַגטער מענש; אַ יונגעל.

Whir (הוואָיר) דרעהען, ווארפען; זיך דרעהען.

Whirl (הוואָירל) שנעל דרעהען; זיך שנעל אומדרעהען; to—way, אַוועגלויפען.

Whirl (הוואָירל) דיא דרעהונג; א דרעה=שטראָם [אין וואַסער].

Whirl-bat (הוואָירל׳=בעט) אַ שטרייט=האַנדשוה [א מין האַנדשוה צו שלאָגען זיך ביי דיא פאַרצייטיגע רוימער אין גריכען].

Whirl-bone (הוואָירל׳=באָון) אַ היפט=ביין; דאָס פאָרדערכטע ביין פון קניע.

Whirligig (הוואָיר׳ליגיג) א מין שפיעל-דריידעלע פיר קינדער, אַ דריידעל, א גאָר.

Whirlpool (הוואָירל׳פו-ל) ז. Vortex אָדער Maelstrom.

Whirlwind (הוואָירל׳ווינד) אַ דרעה=ווינד, אַ שטורים=ווינד.

Whirring (הוואָיר׳רינג) אַ גערויש, אַ שאָראָך [פון פליגלען].

Whisk (הוויסק) א בערשטעל, א בעזימעל; אָבבערשטען, אָבקעהרען; שנעל בעוועגען; שנעל טראָגען, מאַכען פליהען; פליהען.

Whisk-broom (הוויסק׳=ברו-ם) אַ וויש=בעזימעל.

Whisker (הוויס׳קער) באַקען=באָרד; אַ וואָנצע.

Whiskers (הוויס׳קערז) א באַקען=באָרד; וואָנ=צעס.

Whiskered (הוויס׳קערד) מיט א באַקען=באָרד; מיט וואָנצעס.

Whiskey (הוויס׳קי-) וויסקי, קאָרן=בראָנפען; אַ קאָרעטע וואָס קומט געשפּאַנט מיט איין פערד.

Whisky (הוויס׳קי) ז. Whiskey.

Whisky-frisky (הוויס׳קי=פריס׳קי) פליכטיג, שנעל און אונפערשטענדליך [פון רעדען].

Whisper (הוויס׳פער) איינרוימען; רעדען שטיל, שושקען; רוישען; אַ קליינער גערויש; in a—, גאַנץ נידעריג, לויז, שטיל.

Whisperer (הוויס׳פערער) איין איינרוימער; איינער וואָס רעדט שטיל; אַן אָברערצעהלער, א רכילות׳ניק.

Whispering-dome (הוויס׳פערינג=דאָום) ז. Whispering-gallery.

Whispering-gallery (הוויס׳פערינג=געל׳לערי) אַ הער=געוועלב [אַ גאַלערעע אויף וועלכער מען קען פון איין ווינקעל הערען אין דעם צווייטען דיא לויזעסטע שטימע].

Whisperingly (הוויס׳פערינגלי) שטיל, לויז, מיט א נידריגער שטימע.

Whist (הוויסט) וויסט [אַ מין קאָרטען=שפיעל].

Whist (הוויסט) סט! שטיל!

Whistle (הוויסל) פייפען; רופען מיט אַ פייף; דאָס פייפען; אַ פייפעל; דער גאָרגעל.

Whistler (הוויסלער) אַ פייפער.

Whit (הוויט) אַ פינטעלען אַ קליינינקייט; no— אָדער not a—, אַ האָאָר ניט, ניט דאָס מינדעסטע.

White (הוואַיט) וויים; בלייך, בלאַס; ריין, אונבעפלעקט; געזאַלצען [פון הערינג].

White (הוואַייט) דיא ווייסקייט, דער ווייסער קאָלאָר; ווייסע פאַרב; דאָס ציעל; דאָס ווייסעל [פון אויג אָדער פון אַן איי].

White (הוואַייט) ווייסען, ווייס מאַכען.

White-bait (הוואַייט׳=בייט) דער קליינער וויים=פיש.

White-ear (הוואַייט׳=אי-ר) ז. Wheat-bird.

White-foot (הוואַייט׳=פו-ט) א ווייסער פלעק אויף אַ פערד׳ס פוס.

White-friar (הוואַייט׳=פראַיי׳ער) אַ ווייסער מאָנאָך [אַ מין קריסטליכער פרוש].

White-lead (הוואייט׳=לעד) בליי=ווייס, פאקוס; פון בליי=ווייס.

White-livered (הוואייט׳=ליווערד) שרעקעדיג, שוואכ=הערציג.

White-meat (הוואייט׳=מי-ט) ווייסעס פלייש, פלייש פון יונגע היהנער.

Whiten (הוואייטן) ווייסען, ווייס מאכען; בלייכען; קאלכען; ווייס ווערען.

Whitener (הוואייטנ׳ער) א ווייסער, א בלייכער; א קאלכער.

Whiteness (הוואייט׳נעס) דיא ווייסקייט; דיא ריינקייט, דיא אונבעפלעקטהייט.

White-shark (הוואייט׳=שארק) א מין פיש [ד. האיפיש, ר. אקקולא].

White-tail (הוואייט׳=טייל) ז. Wheat-bird.

White-thorn (הוואייט׳=טהארן) ז. Hawthorn.

White-throat (הוואייט׳=טהראוט) א מין פויגעל מיט א ווייסען העלזעלע [ד. וואלדפינגער, ר. שטשעוורא‎נאק].

Whitewash (הוואייט׳וואש) קאלכ=וואסער [צום קאלכען]; א הויט=וועסערל, א וואש=וועסערל; בליי=וואסער [א מין אפטעקארסקע וואסער]; ווייסען, קאלכען; ריינ=וואשען.

Whitewasher (הוואייט׳וואשער) א ווייסער, א קאלכער.

Whither (הווי׳דהער) וואוהין.

Whithersoever (הווידהערסאוע׳ווער) וואוהין עס איז, עס מאכט גיט אויס וואוהין.

Whiting (הוואיי׳טינג) דאס שפאנישע ווייס [א מין קאלכ=פולווערל]; דער וויטלינג [א מין פיש — ד. וויטטלינג, ר. מערלאן].

Whitish (הוואיי׳טיש) ווייסליך.

Whitishness (הוואיי׳טישנעס) דיא ווייסליכקייט.

Whitleather (הוויט׳לעדהער) ווייס=לעדער; א זשילע פון פלייש.

Whitlow (הוויט׳לאו) א נאגעל=געשוויר.

Whitlow-grass (הוויט׳לאו=גרעס) א מין פלאנצע [ד. הונגערבלימכען, ר. קרופקא].

Whitlow-wort (הוויט׳לאו=וואירט) ז. Whitlow-grass.

Whitmonday (הוויט׳מאנדיי) דער מאנטאג נאך דעם שבעות=זונטאג ביי קריכטען.

Whitster (הוויט׳סטער) א ווייסער, א בלייכער.

Whitsun (הוויט׳סאן) פפינגסטליך, וואס געהערט צו פפינגסטען [דער קריסטליכער שבועות].

Whitsunday (הוויט׳סאנדיי) דער פפינגכטען=זונטאג, דער שבעות=זונטאג [דער זיבעטער זונטאג נאך דעם קריסטליכען פסח].

Whitsuntide (הוויט׳סאנטאייד) דיא פפינגסטען=וואך, דיא וואך פון דעם קריסטליכען שבעות.

Whittle (הוויטל) א קליינעס מעסערל; שניי=דען; שארפען, שלייפען.

Whity (הוואיי׳טי) ווייסליך.

Whity-brown (הוואיי׳טי=בראון) ברוינליך ווייס, האלב=ברוין.

Whiz (הוויז) צישען, היזזען; דאס צישען, דאס היזזען.

Whizzing (הוויד׳זינג) דאס צישען, דאס היזזען.

Who (הו) ווער; וועלכער.

Whoever (הוע׳ווער) ווער נאר, ווער עס איז.

Whole (האול) גאנץ; געזונד; דאס גאנצע; in the—, אין אלגעמיין, בכלל; on the—, איבערהויפט, אים גאנצען גענומען.

Wholesale (האול׳סייל) דער גרויס=האנדעל, דיא אגולניע; by—, אין גרויס, אין אגולניע.

Wholsome (האול׳סאם) געזונד; —ly, ניצליך.

Wholesomeness (האול׳סאמנעס) דיא געזונד=קייט; דיא ניצליכקייט.

Wholly (האול׳לי) גענצליך, גאנץ, אין גאנצען.

Whom (הום) וועמען.

Whomso (הומ׳סאו) ז. Whomsoever.

Whomsoever (הומסאוע׳ווער) וועמען עס איז, וועמען נאר.

Whoobub (הו׳באב) ז. Hubub.

Whoop (הו-פ) שרייען; דאס געשריי; א מין פויגעל [ד. וויעדעהאפף, ר. פאטאטויקא].

Whore (האור) א הור.

Whoredom (האור׳דאם) דיא הורעריי [ה. זנות].

Whoring (האו׳רינג) דאס הורען.

Whorish (האו׳ריש) הורעריש.

Whorl (הווארל, הוואירל) א בלעטער=רעדעל [בלעטער הערומגעלעגט הערום דעם שטענגעל פון א בלום וויא א רעדעל].

Whorld (הווארלד, הוואירלד) מיט בלעטער=רעדלאך [ז. Whorl].

Whortleberry (הוואירטלבערי) ז. Bilberry.

Whose (הוז) וועמעס.

Whosoever (הוסאוע׳ווער) ווער עס איז, ווער נאר.

Whur (הוואיר) ז. Whir.

Why (הוואיי) ווארום, אבער, דאך.

Wick (וויק) א קנייטעל.

Wicked (וויק׳קעד) בייז, שלעכט, זינדיג. —ly

Wickedness (וויק׳קעדנעס) דיא בייזקייט, דיא שלעכטקייט, דיא זינדיגקייט.

Wicken (וויקן) א מין בוים [ד. פאגעלבער=בוים, ר. ריאבינא].

Wicken-tree (וויקן=טרי-) ז. Wicken.

Wicker (וויק׳קער) א צווייג, א צווייגעל; פון צווייגען, געמאכט פון צווייגען.

Wicket (וויקקעט) אַ טהירעלע, א טהויערל.

Wide (וואַייד), **—ly** ברייט, גערױם, גרויס; ווייט.

Wide-awake (וואַייד־עווייק) וואך, מיט אָפענע אויגען; אַ הוט מיט ברייטע ברעגעס.

Widen (וואַיידן) מאַכען ברייטער; ווערען ברייטער; זיך פערברייטען.

Wideness (וואַייד־נעס) דיא ברייטקייט; דיא גרויסקייט.

Widgeon (ווידדזשאָן) א מין ענטע מיט אַ רויטהען האלז [ד. פפייפ־ענטע, ר. סווישטש].

Widow (וויידאָו) אַ וויטווע, אַן אלמנה; מאַכען פיר אַן אלמנה; בערויבען.

Widow-bench (וויידאָו־בענטש) דאָס וויטוועננרעכט, דאָס ערב־רעכט פון אַן אלמנה [דער טהייל ירושה וואָס קומט אַן אלמנה לויט געזעץ].

Widowed (וויידאָוד) געוואָרען אַן אלמנה, געמאַכט פיר אַן אלמנה.

Widower (וויידאָוער) אַן אלמן.

Widowhood (וויידאָוהוד) דער וויטווען־שטאַנד, דיא אלמנה׳שאַפט.

Widow-hunter (וויידאָו־האַנ׳טער) אַ וויטווען־יעגער [איינער וואָס יאָגט זיך נאָך אלמנות אין שרוכים].

Width (ווידטה) דיא ברייט, דיא ברייטקייט.

Wield (ווי-לד) האַלטען; פיהרען; מייסטערן.

Wieldy (ווי-לדי) וואָס לאָזט זיך מייסטערן, וואָס לאָזט זיך בעהערשען.

Wiery (וואַיירי) ז. Wiry.

Wife (וואַייף) אַ פרוי, א ווייב.

Wifeless (וואַייפלעס) אָהן אַ פרוי, אונפערהייראַטהעט.

Wifely (וואַייפלי) פרויען־מעסיג, פאַסיג פיר אַ פרוי.

Wig (וויג). אַ פּאַרוק.

Wigeon (ווידזשאָן) ז. Widgeon.

Wigged (וויגד) מיט א פּאַרוק, וואָס טראָגט אַ פּאַרוק.

Wight (וואַייט) אַ מענש, א פּערזאָן; אַ בעשעפעניס.

Wigwam (וויגוועם) אַ הייזעל, א געצעלט [ביי דיא אינדיאַנער פון נאָרד אַמעריקאַ].

Wild (וואַיילד) ווילד; זאַנדערבאַר; אונאָרענטליך; אונבעשטענדיג, לייכטזיניג; אַ ווילדער אָרט, א ווילדע געגענד, אַ וויסטעניי.

Wilder (ווילדער) ז. Bewilder.

Wilderness (ווילדערנעס) אַ ווילדע געגענד, אַ וויסטעניי [ה. מדבר].

Wild-fire (וואַיילד־פאַייר) ווילד־פייער, גריכישעס פייער [אַ מין פייער וואָס פערברייטעט זיך שנעל]; אַ בליץ אָהן אַ דונער; דער בלויער פלאַם פון ספירט; פייער־דאַמפף; אַ מין קראַנקהייט [ד. פלעכטע, ר. לישאַי].

Wilding (וואַיילדינג) א ווילדע פלאַנצע; ווילד, אונבעאַרבייטעט.

Wildly (וואַיילדלי) ווילד; זאַנדערבאַר; מיט ווילדע בליקען.

Wildness (וואַיילדנעס) דיא ווילדקייט; דיא זאַנדערבאַרקייט; דיא צומישטקייט.

Wild-stock (וואַיילד־סטאָק) אַ ווילדע פלאַנצע.

Wile (וואַייל) לוג, בעטרוג, ליסטיגקייט, כיטראָסט.

Wilful (ווילפול) אייגענזיניג, האַרטנעקיג; אַבזיכטליך; **—ly**, אומישנע, בכוון, אַבזיכטליך [ר. בזדון].

Wilfulness (ווילפולנעס) דיא האַרטנעקיגקייט.

Wilily (וואַייילילי) מיט לוג, מיט בעטרוג, מיט כיטראָכט, מיט ליסטיגקייט.

Wiliness (וואַייילינעס) דיא ליסטיגקייט, דיא כיטראָסט, דיא בעטריגערישקייט.

Will (וויל) בעפעהלען, הייסען; בעשטימען; אָבזאָגען בצואה; ווינשען; וועלען; **I—go**, איך וויל געהן, איך וועל געהן.

Will (וויל) דער ווילען, דער וואונש; אַ בעפעהל; אַ צואה, א טעסטאַמענט.

Will-a-wisp (וויל־ע־וויספ) ז. Jack-o'lantern.

Willer (ווילער) אַ ווילער, א וועלער, איינער וואָס וויל.

Willing (ווילינג) וויליג, בערייטוויליג; פרייוויליג.

Willingly (וויליגלי) גערן; פרייוויליג.

Willingness (ווילינגנעס) דיא וויליגקייט, דיא בערייטוויליגקייט.

Will-o'-the-wisp (וויל־אָ־דהי־וויספ) ז. Jack-o'lantern.

Willow (ווילאָו) אַ ווייד, אַ וויערבע [אַזאַ בוים].

Willow-biter (ווילאָו־באַיי׳טער) א מין פויגעל [ד. בלוימייזע, ר. לאַזאָרעווקאַ].

Willow-herb (ווילאָו־אירב) וויערבע־גראָז [אַ מין פלאַנצע — ד. ווייִדעריך, ר. קיפּריי].

Willow-tree (ווילאָו־טרי-) ז. Willow.

Willow-tuffed (ווילאָו־טאָפט) בעציערט מיט קוסטאַרניקעס פון וויערבע.

Willowy (ווילאָואי) פול מיט וויערבע־בוימער, פול מיט וויערבעס.

Wily (וואַייילי) ליסטיג, כיטרע, בעטריגעריש.

Wimble (ווימבל) אַ באָהרער, אַן עגבער; באָהרען.

Wimple (ווימפל) אַ שלייער, אַ נאָנען־שלייער; אַ בוזים־שלייער, אַן איפּערדעק.

Win (ווין) געווינען; ערלאַנגען, ערווערבען;

איינגעהמען, איבערערדען; זיגען, האָבען דיא איבערהאַנד.

Wince (ווינס) זיך בריקען; זיך צוריקציהען; ציטערן.

Wincer (ווינ'סער) אַ חיה וואָס בריקעט זיך; אַ בריקון; איינער וואָס ציהט זיך צוריק, איינער וואָס ציטערט.

Winch (ווינטש) אַ הענטעל [צו דרעהען אַן אַקס פון אַ ראָד אין אַ מאַשין]; אַ מאַשין צו הויבען משא.

Wind (ווינד) אַ ווינד; אַן אָטהעם; ניכטיגקייט, פוסטקייט; ליפט; בלאָזען; לופטערן, דורכלופטערן; between—and water, גלייך מיט'ן וואַסער; to go down the—, געהן אין כף-הקלע, פערפאַלען ווערען.

Wind (וואַיינד) דרעהען; אומוויקלען, איינוויקלען; הערומדרעהען; זיך דרעהען; זיך שלענגלען; זיך פערענדערן; to—off, אָבוויקלען; to—out, הערויסוויקלען; to—up, אויפוויקלען; אנציהען [אַ זייגער]; צוברייטען; ברייננגען אין אָרדנונג; ענדיגען.

Windage (ווינ'דיידזש) דער לופט-רוים אין אַ קאַנאָן; דיא שווידערונג פון דער לופט ביים אויסשיסען.

Windberry (ווינד'בערי) ז. Bilberry.

Wind-bound (ווינד-באונד) אויפגעהאַלטען פון געגענווינד.

Wind-dial (ווינד'-דאַיי'על) אַ ווינד-אָנצייגער.

Wind-fall (ווינד-פאָ-ל) פרוכט וואָס פאַלען פון בוים דורכ'ן ווינד, אָבגעשלאָגענע פרוכט; אַ גליקס פאַל, אַ גליקליכער צופאַל.

Wind-flower (ווינד-פלאַוער) דיא זומפּבלום [ד. זומפּפענציאַ, ר. באָלאָטנאַיאַ גאָרטשאַנקאַ].

Wind-chest (ווינד-טשעסט) ז. Wind-trunk.

Winded (ווינ'דעד) מיט ווינד, מיט אָטהעם, אָטהעמדיג.

Winder (וואַיינ'דער) אַן אויפוויקלער; אַן אָנ-דרעהער; אַ פאַדים-אַנדרעהער, אַ שטריק-אַנוויקלער [אַ מאַשין אַנצודרעהען פאַדים אָד. שטריק]; אַ קלעטער-פלאַנצע [אַ פלאַנצע וואָס שלאָגט לאַנגע צווייגען וויא שנירלאַך וועלכע קענען קלעטערן זעהר הויך ווען מען פעסטיגט זיי צו צו אַ וואַנד].

Wind-gage (ווינד-גיידזש) ז. Wind-gauge.

Wind-gall (ווינד-גאָ-ל) אַן אויפגעבלאָזענער געשוויר אונטער דער קאָפּיטע פון אַ פערד.

Wind-gauge (ווינד-גיידזש) אַ ווינד-מעסטער [אַן אינסטרומענט צו מעססען דיא שנעלקייט און דיא קראַפט פון ווינד].

Wind-hover (ווינד-האָ'ווער) ז. Kestrel.

Windiness (ווינ'דינעס) דיא ווינדיגקייט; דיא אויפגעבלאָזענקייט; דיא בלאָזונג.

Winding (וואַיינ'דינג) דיא קרימונג, דיא אויס-דרעהונג.

Winding-sheet (וואַיינ'דינג-שי-ט) אַ טוידטענ-לילאַך [אַ ליילאַך אין וועלכען מען וויקעלט איין אַ מת].

Winding-staircase (וואַיינ'דינג-סטע-ר'קייס) אויסגעדרעהטע טרעפּ.

Wind-instrument (ווינד-אינ'סטרומענט) אַ מוזיקאַלישעס בלאָז-אינסטרומענט.

Windlass (ווינד'לעס) דיא קרימונג, דיא דרע-הונג; אַ מאַשין מיט אַ ראָד צו הייבען לאַסט; זיך קרימען, זיך דרעהען רונד הערום.

Wind-mill (ווינד-מיל) אַ ווינד-מיהל.

Window (ווינ'דאָו) אַ פענסטער; אַן עפנונג; פערזעהן מיט פענסטער.

Window-blind (ווינ'דאָו-בלאַיינד) אַ פענסטער-פאָרהאַנג.

Windowed (ווינ'דאָוד) מיט פענסטער, מיט לעכער; מיט ריסען.

Window-frame (ווינ'דאָו-פריים) אַ פענסטער-ראַהם, אַ שויבען-ראַהם.

Window-pane (ווינ'דאָו-פיין) אַ פענסטער-שויב.

Window-sash (ווינ'דאָו-סעש) ז. Window-frame.

Window-seat (ווינ'דאָו-סי-ט) אַ זיץ-אָרט אָד. זיץ-ברעט ביי אַ פענסטער.

Window-shutter (ווינ'דאָו-שאַט'טער) אַ פענ-סטער-לאָדען.

Window-tax (ווינ'דאָו-טעקס) פענסטער-שטייער.

Windpipe (ווינד'פאַייפ) דיא לופט-רעהר אין האַלז, דער גאָרגעל.

Wind-rode (ווינד-ראָוד) וואָס ליעגט אָדער שטעהט געגען שטראָם [פון אַ שיף].

Wind-sail (ווינד-סייל) אַ לופט-זעגעל, אַ ווינד-זעגעל.

Wind-tight (ווינד-טאַייט) געשיצט פון ווינד.

Wind-trunk (ווינד-טראָנק) דער ווינד-קאַסטען [אין אַן אָרגאַן].

Windward (ווינד'וואָרד) דיא ווינד-זייט, דיא לופט-זייט; וואָס ליעגט צום ווינד; צום ווינד, צו דער ווינד-זייט.

Wind-worn (ווינד-וואָרן) פערוויסטעט פון ווינד, אָבגעניצט אָדער צושטערט פון ווינד.

Windy (ווינ'די) ווינדיג; בלאָזענד; וואָס ליעגט צום ווינד; פוסט, לעער, ניכטיג, אָהן מכשות.

Wine (וואַיין) וויין; בעטרונקענהייט, שכרות.

Wine-bibber (וואַיין-ביב'בער) אַ וויין-זויפער, אַ וויין-טרינקער, אַ פּיאַניצע, אַ שכור.

Wine-broker (וואַיין=בראָו'קער) אַ וויינ=מעקלער.

Wine-grower (וואַיין'=גראָו'ער) א וויינ=גערטנער.

Wine-measure (וואַיין'=מע'זשור) אַ וויינ=מאָס.

Wine-merchant (וואַיין'=מאַיר'טשענט) אַ וויינ=הענדלער.

Wine-press (וואַיין'=פרעס) אַ וויינ=פרעס, אַ קעלטער [ה. גת].

Wine-stone (וואַיין'=סטאָון) וויינשטיין, זויער=זאַלין.

Wine-taster (וואַיין'=טייס'טער) אַ וויינ=פּערזוכער, א וויינ=פּרובירער.

Wine-vaults (וואַיין'=וואָ-לטס) וויינ=קעלערס.

Wing (וויִנג) אַ פליגעל; א פליה; אַ הויז=פליגעל [אַ בעזונדערע אָבטהיילונג פון אַ הויז]; שוץ; בעפליגלען, געבען פליגלען; פיהרען אויף פליגלען; דורכפליהען; ווענדען דיא פליגלען, ווענדען דעם פלוג.

Winged (וויִנגד) געפליגעלט, מיט פליגלען; שנעל.

Winger (וויִנ'גער) אַ קליינעס פאַס.

Wingless (וויִנג'לעס) אָהן פליגלען; וואָס קען ניט פליהען.

Winglet (וויִנג'לעט) אַ קליינער פליגעל.

Wing-footed (וויִנג'=פו-'טעד) שנעל=פיסיג, פלינק אויף דיא פיס.

Wing-shell (וויִנג'=שעל) אַ פליגעל=דעק; א פליגעל=שאַלע [א פלגיעל=פערמיגע שאַלע פון חיה'לע]; אַ שליאָמאַק וואָס ליעגט אין אַ פליגעל=שאַלע.

Wing-transom (וויִנג'=טרענ'סאָם) דיא אוי=בערסטע און לענגסטע בעלקע פון אַ שיף.

Wingy (וויִנ'גי) פליגעלדיג, געפליגעלט; שנעל.

Wink (וויִנק) ווינקען; זיך מאכען ניט וויסענ=דיג, זעהן דורך דיא פינגער; ציטערן, זיך טרייסלען [פון ליכט]; דאָס ווינקען; אַ ווינק, אַ וואונק.

Winker (וויִנ'קער) א ווינקער, איינער וואָס ווינקט; דאָס אויגענ=לעדעלע; אן אויג; דאָס אויגענ=לעדערל פון אַ פערד.

Winkingly (וויִנ'קינגלי) ווינקענדיג.

Winner (וויִנ'נער) אַ געווינער.

Winning (וויִנ'נינג) געווינענד; איינגעהמענד, איבעררעדענד.

Winnow (וויִנ'נאָו) ווייען, אויספלאָזען [מעקענע פון געטריידע]; דורכזעהן; אָבטהיילען, אָב=זונדערן.

Winnower (וויִנ'נאָוער) אַ ווייער, אַן אויס=בלאָזער, אַן אָבזונדערער [איינער וואָס בלאָזט אויס דיא מעקענע פון געטריידע].

Winsom (וויִנ'סאָם) אַנגענעהם; לוסטיג.

Winter (וויִנ'טער) ווינטער; אַ פרעס=באַלקען; איבערווינטערן; ערהאַלטען דורך דעם ווינטער.

Winter-beaten (וויִנ'טער=בי-טן) בעשעדיגט פון ווינטער.

Winter-cherry (וויִנ'טער=טשער'רי) דיא ווינ=טער=קאַרש [ד. יודענקירשע].

Winter-fallow (וויִנ'טער=פעל'לאָו) בעאַרבייטען פאַר ווינטער=צייט [פון פעלדער].

Winter-ground (וויִנ'טער=גראַונד) איבערווינ=טערן, איבערדעקען איבער'ן ווינטער [פון זאַמען אין דער ערד].

Winterly (וויִנ'טערלי) ווינטערדיג.

Wintery (וויִנ'טערי) ווינטערדיג, קאַלט.

Wintry (וויִנט'רי) ז. Wintery.

Winy (וואַיי'ני) וויינִיג, וויינ=אַרטיג.

Wipe (וואַייפּ) ווישען; —away, —off אָדער —out, אָבווישען, רייניגען, אַוועגווישען.

Wipe (וואַייפּ) דאָס ווישען, דאָס אָבווישען; דער שלאַג; אַן אָנשפּיעלונג, אַן אָנדייטונג, א שטאָכ=וואָרט.

Wiper (וואַיי'פּער) אַ ווישער, אַן אָבווישער; אַ לאַפּען, אַ וויש=טוך, אַן אָנעטשע; אַ שפּאַס, א שטאָכ=וואָרט.

Wire (וואַייר) דראָהט; בעפעסטיגען מיט דראָהט; טעלעגראַפירען.

Wire-draw (וואַייר'=דראָ-) ציהען דראָהט; אויס=ציהען; פערדרעהען; אַוועגציהען.

Wire-drawer (וואַייר'=דראָ-'ער) אַ דראָהט=ציהער.

Wire-drawing machine (וואַייר'=דראָ-'אינג מעשין') אַ מאַשין צו ציהען דראָהט.

Wire-guard (וואַייר'=גאַרד) אַ קאַמינ=רעשאָטקע, אַ פייער=רעשאָטקע.

Wire-heel (וואַייר'=הי-ל) אַ שפּאַלט אין קאָפּיטע.

Wire-mark (וואַייר'=מאַרק) אַ דורכזיכטיגער שנאָר אָדער פאַס אויף פּאַפּיער.

Wire-mill (וואַייר'=מיל) אַ דראָהט=פאַבריק.

Wire-puller (וואַייר'=פול'לער) אַ דראָהט=ציהער; אן אינטריגאַנט, א פּלאָטקע מאכער.

Wire-ribbon (וואַייר'=ריב'באָן) געדרעהטער גאָלד אָדער זילבער=דראָהט.

Wire-work (וואַייר'=וואָירק) אַ דראָהט=רע=שאָטקע.

Wiry (וואַיי'רי) דראָהטיג; פון דראָהט, אַ דראָהטענער.

Wis (וויס) ווִיסען; מיינען, גלויבען.

Wisdom (וויז'דאָם) דיא ווייזהייט, דיא חכמה, דיא קלוגהייט; דיא פאַרזיכטיגקייט, דיא בעהוט=זאַמקייט.

Wise (וואַייז) קלוג; פאָרזיכטיג, בעהוטזאַם; —ly, —man, א קלוגער מאַן; א וואָהרזאָגער, אַ נביאות=זאָגער, א מכשף.

Wise (וואַייז) דיא אַרט, דיא ווייז, דער שטייגער.

Wiseacre (וואַייזאַי'קער) אַ נאַר, אַן איינגע־בילדעטער מענש; איינער וואָס האַלט זיך פיר אַ חכם.

Wiseling (וואַיידלינג) איינער וואָס האַלט זיך פיר אַ חכם, אַן איינגעבילדעטער נאַר.

Wish (וויש) ווינשען, פערלאַנגען; בעטען; אַ וואונש, אַ פערלאַנג.

Wisher (ווי'שער) אַ ווינשער, אַ פערלאַנגער.

Wishful (וויש'פול), —ly ווינשענד, פערלאַנגענד.

Wisp (וויכפּ) אַ בינדעל, אַ הויפען [שטרוי].

Wist (וויסט) פ. צ. און פצ. פון Wis: געוואוסט.

Wistful (וויסט'פול) נאַכדענקענד, אויפמערקזאַם; ערנסט; פערלאַנגענד; וויסענד; —ly, מיט'ן וויסען, מיט'ן ווילען.

Wit (וויט) דער פערשטאַנד; אַ וויץ, אַ וויציגער איינפאַל; אַ וויציגער קאָפּ, אַ וויציגער מענש.

Wit (וויט) וויסען; to —, נעמליך, דאָס הייסט.

Witch (וויטש) אַ מכשפה, אַ צויבערין.

Witchcraft (וויטש'קרעפט) צויבעריי, צויבער־קראַפט; אַ צויבער.

Witchery (וויט'טשערי) צויבעריי, צויבער־קראַפט, כשוף.

Wit-cracker (וויט־קרעק'קער) אַ וויצען־זאָגער, אַ וויצען־יעגער.

With (ווידה) מיט; ביי; אויף; פיר; פון.

Withal (ווי'דהעל) צוגלייך, צוזאַמען, אויך.

Withdraw (ווידהראַ־') צוריקציהען; אַבציהען, אַבווענדען, אַוועגנעהמען; זיך צוריקציהען.

Withdrawal (ווידהראַ־'על) דיא צוריקציהונג.

Withdrawment (ווידהראַ־'מענט) ז. With-drawal.

Withdrawn (ווידהראַ־ן) פצ. פון Withdraw: צוריקגעצויגען.

Withdrew (ווידהרו־') פ. צ. פון Withraw: צוריקגעצויגען.

Withe (וואַיידה, ווידה) אַ ווייערבע־צווייג, אַ פאַלקע פון אַ ווייערבע, אַ וויצע.

Withed (ווידהד) געבונדען מיט אַ ווייערבע־צווייג, געבונדען מיט וויצעס.

Wither (ווי'דהער) פערוועלקען, פערוויאַנען, פערגעהן; אַבצעהרען.

Wither-band (ווי'דהער־בענד) דאָס זאַטעל־בלעך.

Withered (ווי'דהערד) פערוועלקט.

Witheredness (ווי'דהערדנעס) דיא פערוועלקט־הייט, דיא צו־וויאַנעטקייט; דיא ענטקרעפטונג.

Withernam (ווי'דהערנעם) דער אַרעסט פון אַ זאַך געגען דעם וואָס האָט געלעגט אַרעסט אויף עפּעס.

Withers (ווי'דהערז) דאָס ביין צווישען דעם האַלז און דיא אַקסלען פון אַ פערד.

Wither-wrung (ווידהער־ראַנג) צו־וואונדעט ביי דעם אַקסעל־ביין [פון אַ פערד].

Withheld (ווידההעלד) פ. צ. און פצ. פון Withhold: צוריקגעהאַלטען, געהינדערט.

Withhold (ווידההאָולד) צוריקהאַלטען, הינדערן.

Withholder (ווידההאָול'דער) אַ צוריקהאַלטער, אַ הינדערער, אַ שטערער.

Within (ווידהאין') אין; אינערליך, אינווענדיג; צו הויז.

Without (ווידהאַוט') אויסער; אָהן; אויסער־האַלב, דרויסען; ווען ניט; סיידען.

Withstand (ווידהסטענד') ווידערשטעהן, שטעהן געגען, ווידערשטרעבען, שטרעבען געגען.

Withstander (ווידהסטענ'דער) אַ ווידערשטע־הער, איינער וואָס שטעהט געגען.

Withstanding (ווידהסטענ'דינג) דיא ווידער־שטעהונג, דער ווידערשטאַנד, דיא געגענ־שטעהונג.

Withstood (ווידהסטו־ד) פ. צ. און פצ. פון Withstand: ווידערגעשטאַנען, געגענגע־שטאַנען.

Withy (ווי'דהי) אַ ווייערבע־פאַלקע, אַ ווייערבע־צווייג, אַ וויצע; פון ווייערבע־צווייגען.

Witless (וויט'לעס), —ly אָהן פערשטאַנד, דום, נאַריש, אונאיבערלעגט, ניט בעוואָגען.

Witling (וויט'לינג) אַ וויצלינג, איינער וואָס האַלט זיך פיר אַ חכם.

Witness (וויט'נעס) אַן עדות, אַ צייגע; אַ צייגניס; in — whereof, צו בעצייגונג.

Witness (וויט'נעס) זיין אַן עדות, זעהן מיט דיא אויגען; זאָגען עדות, בעצייגען, בעשטע־טיגען.

Wit-snapper (וויט־כנעפּ'פער) Wit-cracker.

Witted (וויט'טעד) וויציג; פערשטענדיג.

Witticism (וויט'טיכיזם) וויץ, אַ וויציגער איינפאַל.

Wittiness (וויט'טינעס) דיא וויציגקייט.

Wittingly (וויט'טינגלי) וויסענדיג, אומישנע, אַבזיכטליכטליך, בכוון.

Wittol (וויט'טאָל) אַ מאַן וואָס ווייס אַז זיין ווייב איז איהם אונטריי און שווייגט.

Witty (וויט'טי), —ily וויציג, זינרייך; בייסענד.

Witwal (וויט'וועל) אַ מין פויגעל [ד. בונט־שפּעכט, ר. פּיאָסטרי דיאַטעל].

Wive (וואַייוו) זיך בעווייבען, זיך פערהייראַטהען.

Wives (וואַייווז) מ. פון Wife: ווייבער, פרויען.

Wizard (ווי'זאַרד) אַ צויבערער, אַ מכשף; בעצויבערנד.

Wizen-faced (וויזן־פײסט) מיט אַ צונויפגעצ־קנייטשטען דאַרען פּנים.

Woad (וואָוד) אַ מין פלאַנצע [ד. וואַיד, ר. וואַידאַ].

Wo (וואָו) ז. Woe.

Wo-begone (וואָו־ביגאָן) ז. Woe-begone.

Woe (וואָו) וועה! דאָס אונגליק, דאָס וועה.

Woe-begone (וואָו־ביגאָן) פול קומער, העכסט בעטריבט.

Woeful (וואָו'פול), —ly בעטריבט, טרויעריג, אונגליקליך; עלענד, יאָמערליך.

Woefulness (וואָו'פולנעס) דיא טרויעריגקייט, דיא אונגליקליכקייט דיא עלענדקייט.

Woful (וואָו'פול) ז. Woeful.

Wofulness (וואָו'פולנעס) ז. Woefulness.

Woke (וואָוק) פ. צ. פון wake: אויפגעוואַכט, אויפגעוועקט.

Wold (וואָולד) אַן אָפענעס פעלד, אַן אָפענע גלייכע געגענד.

Wolf (וואולף) אַ וואָלף; she— אַ וועלפין, דיא נקבה פון אַ וואָלף.

Wolf-dog (וואולף־דאָג) אַ וואָלפס הונד [אַ מין הונד].

Wolf-fish (וואולף־פיש) דער מעער־וואָלף [אַ מין פיש].

Wolfish (וואול'פיש) וועלפיש, פרעסעריש, זשעדנע.

Wolf's-bane (וואולפס־ביין) אַ מין פלאַנצע [ד. אייזענהיטכען, ר. פּאָסטרעלנאַיאַ טראַוואַ].

Wolf's-claw (וואולפס־קלאָ) אַ מין געוועקס [ד. קאָלבענמאָאָז, ר. פּלאַוואון].

Wolves (וואולווז) מ. פון Wolf: וועלף.

Wolvish (וואול'וויש) ז. Wolfish.

Wolverene (וואול'ווערין) דער אַמעריקאַנישער פרעסער [אַ מין פרעסערישע חיה וואָס האָט אַ וועלפישע נאַטור].

Wolverine (וואולווערין) ז. Wolverene.

Woman (וואו'מען) אַ פרוי, אַ פרויענצימער; אַ דיענסט.

Woman-hater (וואומען־הייטער) אַ ווייבער־פיינד, אַ פרויענ־האַסער.

Womanhood (וואו'מענהוד) דיא ווייבליכקייט, דיא פרויענשאַפט.

Womanish (וואו'מעניש) ווייבליך; ווייביש, שוואַך, ווייך [אין נאַטור].

Womanishness (וואו'מענישנעס) דיא ווייבליכ־קייט; דיא ווייבישקייט, דיא ווייבליכקייט, דיא שוואַכקייט.

Womanize (וואו'מענאַייז) מאַ־כען וויביש, מאַ־כען שוואַך אָדער ווייכ־הערציג.

Womankind (וואומענקאַיינד) דיא ווייבער, דאָס ווייבליכע געשלעכט.

Womanliness (וואו'מענלינעס) דיא ווייבליכקייט.

Womanly (וואו'מענלי) ווייבליך; ניט מיידעלש, וויא אַ פרוי.

Womb (וואום) דיא געבערמוטער, דער מוטער־לייב; דער מיטען, דער שויס; איינשליסען, פערבאָרגען.

Womby (וואו'מי) ברייט, גרויס.

Women (ווי'מען) מ. פון Woman: פרויען, ווייבער.

Won (וואָן) פ. צ. און פּצ. פון Win: געוואונען.

Won (וואָן) וואוינען; אַ וואוינונג; אַ געוואוינהייט.

Wone (וואָון) וואוינען; אַ וואוינונג.

Wonder (וואָנ'דער) זיך וואונדערן; וועלען ווי־סען; אַ וואונדער; דיא פערוואונדערונג, דיא ערשטוינונג.

Wonderer (וואָנ'דערער) אַ וואונדערער, איינער וואָס וואונדערט זיך.

Wonderful (וואָנ'דערפול), —ly וואונדערבאַר, ערשטוינליך.

Wonderfulness (וואָנ'דערפולנעס) דיא וואונ־דערבאַרקייט.

Wonderment (וואָנ'דערמענט) דיא פערוואונ־דערונג; אַ וואונדער.

Wonder-struck (וואָנ'דער־סטראָק) ערשטוינט, נשתומם.

Wonder-work (וואָנ'דער־וואירק) אַ וואונדער־ווערק, אַ וואונדער.

Wonder-working (וואָנ'דער־וואיר'קינג) וואָס מהוט וואונדער.

Wondrous (וואָנ'דראָס), —ly וואונדערבאַר, זאָנדערבאַר.

Wont (וואָנט) געוואוינט; אַ געוואוינהייט.

Wonted (וואָנ'טעד) געוואוינט; געוועהנליך.

Wontedness (וואָנ'טעדנעס) דיא געוואוינטקייט, דיא געוואוינהייט.

Woo (וואו־) זיך שדכנען צו; בעטען, זוכען, פערלאַנגען [דיא האַנד פון אַ מיידעל].

Wood (וואו־ד) אַ וואַלד; האָלץ; משוגע, בייז, צוקאָכט.

Wood-ashes (וואו־ד'ע'שיז) האָלץ־אַש.

Wood-bind (וואו־ד־באַיינד) אַ מין בוים [ד. וואַלדאייגרע, ר. קאָזיאַ זשימאָראָסט].

Wood-bine (וואו־ד־באַיין) ז. Wood-bind.

Wood-bound (וואו־ד־באַונד) הערומגערינגעלט מיט וואַלד.

Wood-char (וואו־ד־טשאַר) האָלץ־קויל.

Wood-chopper (וואו־ד־טשאָפּ'פּער) אַ האָלץ־האַק; אַ האָלץ־העקער.

Wood-coal (וואו־ד־קאָול) ז. Wood-char.

Wood-cock (וואו־ד־קאָק) דער וואַלד־האָהן.

[א מין פויגעל — ד. וואלד=שנעפפע, ר. קוליק].

Wood-cutter (וואו-ד=קאט'טער) א האלצ=שפאלטער, א האלצ=האקער.

Wood-drink (וואו-ד=דרינק) דער האלצ=טראנק [א טראנק פון מעדיצינ=וואָרצלען].

Wooded (וואו-דעד) וואלדיג, רייך אין האלץ.

Wooden (וואו-דן) א האלצענער, פון האלץ.

Wood-engraving (וואו-ד=ענגריי'ווינג) דיא גראוויר=קונסט אויף האלץ [דיא קונסט אויס=צושניידען פיגורען אויף האלץ].

Wood-grower (וואו-ד=גראו'ער) א וואלד=בעארבייטער, א וואלד=פלאנצער.

Wood-hole (וואו-ד=האול) ז. Wood-shed.

Wood-house (וואו-ד=האוס) א האלצ=הויז, א האלצ=שטאל.

Woodland (וואו-ד'לענד) האלצ=לאנד, וואלד=לאנד.

Wood-lark (וואו-ד'=לארק) א מין פויגעל [ד. וואלד=לערכע, ר. ליעסנאי זשאווראנאק].

Woodless (וואו-ד'לעס) אהן וואלד.

Wood-lock (וואו-ד'=לאק) דער רודער=שליסעל [פון א שיף].

Wood-louse (וואו-ד'=לאוס) דיא וואלד=לויז [א מין פליג — ד. אסכעל, ר. מאקריצא].

Woodman (וואו-ד'מען) א וואלדמאן, א וואלד=אויפזעהער; א וואלד=יעגער.

Wood-merchant (וואו-ד'מאיר'טשענט) א האלצ=הענדלער.

Wood-note (וואו-ד'=נאוט) וואלד=געזאנג.

Wood-nymph (וואו-ד'=נימף) א וואלד=געטין.

Wood-offering (וואו-ד'=אפ'פערינג) אפפער=האלץ [ה. עצי קרבן].

Wood-pecker (וואו-ד'=פעק'קער) דער בוימ=האקער [א מין פויגעל — ר. דיאטעל].

Woodreeve (וואו-ד'רי-וו) א וואלד=מייסטער, א וואלד=אינספעקטאר, אן אויפזעהער אויף וועלדער.

Woodroof (וואו-ד'רו-ף) א מין רויטהעליכעס גראז.

Woodruff (וואו-ד'ראף) ז. Woodroof.

Wood-screw (וואו-ד'=סקרו) א האלצ=שרויף; א שרויף פיר האלצ=ווערק.

Wood-shed (וואו-ד'=שעד) א האלצ=שטאל.

Woodward (וואו-ד'וואַ-רד) א וואלד=היטער.

Woodwax (וואו-ד'וועקס) פארבער=גראז [א מין פלאנצע — ד. פערבערגינסט, ר. דראק].

Wood-waxen (וואו-ד=וועקסן) ז. Wood-wax.

Wood-work (וואו-ד=וואירק) דיא האלצ=ארבייט.

Woody (וואו-די) וואלדיג; האלציג.

Wood-yard (וואו-ד'=יארד) א האלצ=הויף, א האלצ-פלאץ, א האלצ=לאגער.

Wooer (וואו-'ער) איינער וואס שרכנט זיך, איינער וואס זוכט אר, בעט דיא האנד פון א מיידעל,

Woof (וואו-ף) דיא ברייט=פעדים פון א געוועב; א געוועב.

Wooing (וואו-'אינג) איינגעהמענד; —ly, בע=טענד, זוכענד.

Wool (וואו-ל) וואל; פוך [פון פלאנצען].

Wool-ball (וואו-ל'=באַ-ל) א וואל=קנויל [א קנויל אדער אן אנגעקליבענע מאסע האאר וואס מען געפינט אין מאגען ביי שעפסען און אנדערע טהיערע].

Wool-comber (וואו-ל'=קאו'מער) א וואל=קעמער.

Woold (וואו-לד) הערומדרעהען, הערומוויקלען; הערומדרעהען א שטריק הערום א מאסט.

Woolder (וואו-ל'דער) א שטעקען הערומצו=דרעהען א שטריק.

Woolding (וואו-ל'דינג) דיא הערומדרעהונג פון א שטריק הערום א מאסט; א שטריק הע=רומצודרעהען הערום א מאסט.

Wool-driver (וואו-ל'=דראיי'ווער) ז. Wool-stapler.

Wooled (וואו-לד) וואליג.

Woolen (וואו-לן) ז. Woollen.

Woolen-cloth (וואו-'לען=קלאטה) ז. Woollen-cloth.

Woolen-draper (וואו-'לען=דריי'פער) ז. Woollen-draper.

Woolen-stuff (וואו-'לען=סטאף) ז. Woollen-stuff.

Woolen-thread (וואו-'לען=טהרעד) ז. Woollen-thread.

Woolenette (וואו-'לענעט) ז. Woollenette.

Woolfell (וואו-ל'פעל) א פעל מיט דיא האאר הערויף.

Wool-gathering (וואו-ל'=געדהערינג) דיא זאמלונג פון וואל; דאס אבגעבען זיך מיט נארישקייטען; to go a—, זיך אבגעבען מיט נארישקייטען, רעדען נארישקייטען.

Woollen (וואו-ל'לען) א וואלענער, פון וואל; געוואנטיג, טוכ=ארטיג.

Woollen-cloth (וואו-ל'לען=קלאטה) וואל=טוך; טוכ=ארטיגעס צייג.

Woollen-draper (וואו-ל'לען=דריי'פער) א טוכ=הענדלער.

Woollenette (וואו-לענעט) וואל=צייג, וואל=צייג וואארע.

Woollen-stuff (וואו-ל'לען=סטאף) וואל=צייג, וואלענע וואארע.

Woollen-thread (וואו-ל'לען=טהרעד) וואל=פאדים.

Woolliness (וואו-ל'לינעס) דיא וואליגקייט.

Woolly (וואו-ל'לי) וואליג; וואל=ארטיג, וויא וואל.

Woolpack (וואו-ל׳פעק) אַ וואָל־פּאַק, א פּאַק פון וואָל.

Woolsack (וואו-ל׳סעק) א זאַק וואָל; א זיצ־קיסעלע אויסגעשטאָפּט מיט וואָל; דער שטול פון אַ פּאַרזיצענדען, אַ פּרעזידענט־שטול.

Wool-sorter (וואו-ל׳־סאָר׳טער) אַ וואָל־סאָרטירער.

Wool-staple (וואו-ל׳־סטייפל) א וואָל־מאַרק.

Wool-stapler (וואו-ל׳־סטייפ׳לער) אַ וואָל־הענדלער.

Wool-trade (וואו-ל׳־טרייד) דער וואָל־האַנדעל.

Wool-winder (וואו-ל׳־וואַיינ׳דער) אַ וואָל־פּעקער.

Wootz (וואוטס) הארטעס שטאָהל פון אָסט־אינדיען.

Word (וואָירד) א וואָרט; אַן אויסדרוק; א נאכריכט, א ידיעה; by—, מינדליך; to write—, געבען צו וויסען, לאָזען וויסען, געבען אַ ידיעת.

Word (וואָירד) אויסדריקען אין ווערטער; פער־פאַסען, צוזאַמענשטעלען.

Word-book (וואָירד׳־בו-ק) א ווערטערבוך.

Word-bound (וואָירד־באַונד) געבונדען דורכ׳ן וואָרט.

Word-catcher (וואָירד־קעט׳שער) אַ וואָרט־קלייבער, א וואָרט־גריבלער.

Wordiness (וואָירדינעס) די פיעל־וואָרטיגקייט, די פיעלקייט אין ווערטער.

Wording (וואָירדינג) די פאָרם פון דער פער־פאַסונג, די שפּראַך אָר. די ווערטער פון אַ פערפאַסונג.

Wordless (וואָירד׳לעס) שטום, אָהן ווערטער, אָהן לשון.

Wordy (וואָיר׳די) פיעל־ווערטערדיג, רייך אין ווערטער.

Wore (וואור) פ. צ. פון Wear: געטראָגען.

Work (וואָירק) אַרבייטען; אַרבייטען, געהן [פון אַ מאַשינע]; ווירקען; מוכירען, זיך זייערן; בּעאַרבייטען; הערויסבריינגען; פערורזאַכען; בריינגען אין בּעוועגונג; אויסנעהען; פיהרען [אַ שיף]; to—off, בּעאַרבייטען, פערניכטען אין דער אַרבייט; פאָלענדען, ענדיגען; אָבציהען אַ פּראָבע [פון אַ דרוק־זאַך]; זיך אָבזונדערן, געהן לויז; to—out, אויסאַרבייטען, בריינגען צו שטאַנד; to—up, פערברויכען; אויפרייצען.

Work (וואָירק) אַרבייט; אַ ווערק, א פערפאַ־סונג; די ווירקונג; א טהאַט, א האַנדלונג; שטיקעריי, אויסגענעהטע אַרבייט; Works, אַ פאַבּריק.

Workable (וואָיר׳קעבל) וואָס קען געאַרבייט ווערן.

Work-bag (וואָירק׳־בעג) דער אַרבייטס בייטעל פון אַ נעהטערין.

Work-box (וואָירק׳באָקס) אַן אַרבייטס קעס־טעלע.

Work-day (וואָירק׳־דיי) אַן אַרבייטס טאָג.

Worker (וואָיר׳קער) אַן אַרבייטער; אַ ווירקער.

Work-fellow (וואָירק׳־פעל׳לאָו) אַ מיט־אַר־בייטער.

Workhouse (וואָירק׳האַוס) אַ הויז פיר אָרימע לייט, אַן אַנשטאַלט פיר אָרימע.

Working (וואָיר׳קינג) אַרבייטענד, ווירקענד.

Working-barrel (וואָיר׳קינג־בער׳ריל) אַ פּומ־פּען־רעהר, די רעהר פון אַ פּומפּע.

Working-bee (וואָיר׳קינג־בי-) אַן אַרבייטס בין.

Working-day (וואָיר׳קינג־דיי) ז. Work-day.

Working-house (וואָיר׳קינג־האַוס) ז. Work-shop.

Workingman (וואָיר׳קינגמען) אַן אַרבייטער.

Workman (וואָירק׳מען) אַן אַרבייטער, א בעל־מלאכה, א האַנדווערקער.

Workmanlike (וואָירק׳מענלאַייק) וויא א בעל־מלאכה, געשיקט, מייסטערהאַפט.

Workmanly (וואָירק׳מענלי) ז. Workmanlike.

Workmanship (וואָירק׳מענשיפּ) די אַרבייט; דער פאַסאָן.

Work-people (וואָירק׳־פּי-פּל) אַרבייטער, אַר־בייטסלייט.

Workshop (וואָירק׳שאָפּ) אַ ווערק־שטאַט, אַן אַרבייטס אָרט.

Work-table (וואָירק׳־טייבל) אַן אַרבייטס טיש.

Workwoman (וואָירק וואו-מען) אַן אַרבייטערין; אַ נעהטערין.

